מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **קרח - חקת** תשפ"ה ◆ עלון מס': **166**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### ישועות למעלה מדרך הטבע

**(מאמר א')**

דער רבי אין פרק שלישי אין די פערטע הקדמה רעדנדיג וועגן בטחון שרייבט אז אויב א איד וויל אז הקב"ה זאל מקיים זיין וואס ער בעט, דארף ער ערשט מקיים זיין וואס הקב"ה הייסט.

דער רבי דרוקט זיך אויס מיט די ווערטער: **להיזהר לעשות כפי מה שה' יתברך מבקש**, ואז גם ה' יסכים עמו למלאות חפצו (פ' מרפא לנפש).

מיר אלע קענען די זעלטענע מצוות וועלכע טרעפן זיך איינמאל א יאר אדער איינמאל אין א שטיק צייט. די מצות איז מען מקיים בהתלהבות און מיט א ברען, אבער עס איז דא מצוות וואס מען דארף מקיים זיין טעגליך און במשך די לעבן איז מען עס מקיים טויזנטער מאל.

אז מען וואלט צוגעלייגט קאפ צו זיי - וואלט מען ארייגעכאפט גרויסע זאכן דורך זיי.

איינס פון די ברכות וואס יעדער איד מאכט עטליכע מאל א טאג, איז די ברכה פון 'אשר יצר'.

דער בארימטער חסיד הרה"צ רבי אליי ראטה זצ"ל, דער גבאי בקודש פון הרה"ק רבי שלמ'קע זוועהילער זי"ע האט אמאל דערציילט ווי אזוי עס צוגעאנגען די ברכה 'אשר יצר'ביים צדיק, מיט וואספארא דחילו ורחימו ער האט געמאכט די ברכה, מיט די ישוב הדעת.

מיר ציטירן דא זיינע ווערטער: ביים צדיק האב איך געזען אז ער האט די ברכה מיט א מתיקות, מיט א מתינות, מיט א הוט אויפ'ן קאפ, מיט א רעקל. אמאל האט ער געזען ווי איך בין זיך אזוי מתבונן ווי ער מאכט די ברכה. ווען ער האט געענדיגט, האט ער זיך געגעבן א רוף אן צו מיר, דו וואונדערסט זיך אז איך מאך אזוי א ברכה, אז כ'טוה אן מיין אויבער מלבוש, מען וואלט ווען געדארפט אנטון בגדי שבת יעדע מאל מ'מאכט די ברכה, פון גרויס שמחה און התפעלות פון די נפלאות הבורא וואס ער מאכט יעדע מאל מיר גייען ארויס".

דער צדיק האט מפרט געווען: "צי האבן מיר א שטיקל מושג וואס עס גייט פאר אין אונזערע קערפער ווען מען גייט ארויס, אז יעדע אזא פאל איז א פולשטענדיגע אפעראציע, די קערפער ליידיגט אויס די פסולת, זי מאכט א מאסיווע ארבעט און אלעס ווערט געמאכט אָן איינשלעפן, עס טוט נישט וויי, ביי דער גרעסטער דאקטאר פון די וועלט".

ווער עס האט אמאל פארזוכט חולי מעיים און זעט ווי ביטער עס איז - ווייסט שוין איינמאל וויפיל מען דארף דאנקען.

מען דארף נישטווארטן אנצוקומען ביז אין שפיטאל און ליידן פון מיחושים צו מאכן די ברכה מיט א ברען, מיט א התלהבות.

דער חסיד רבי שמואל בריכטא זצ"ל האט דערציילט אז עס איז אים אמאל אויסגעקומען צו זיין צוגאסט ביי א דייטשער איד. זייענדיג דארט האט אים דער דייטשער איד דערציילט אז אין זיינע יונגע יארן האט זיך אים אמאל פארגלוסט צו פארן קיין גאליציע צו זען דעם הייליגער צאנזער רבי זי"ע.

עס איז געווען א ווייטער מהלך פון דייטשלאנד קיין גאליציע. ער האט געבעטן זיין טאטע ערלויבעניש צי ער קען פארן. זיין טאטע האט אים געגעבן רשות, אבער ער האט זיך אויסגענומען מיט אים אז ער לאזט אים בתנאי אז ער וועט זיין נאר איין טאג אין צאנז, נישט מער.

דער דייטשער איד האט אנגענומען די תנאי און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. נאך א לאנגע און א שווערע נסיעה איז ער אנגעקומען קיין צאנז.

אין צאנז איז ער גלייך צוגעלאפן צום צאנזער רב זי"ע אבער די גבאים האבן אים אפגעהאלטן זאגנדיג אז עס איז דא א לאנגע רייע און אז ער וויל אריינגיין צום רב - דארף ער ווארטן דא עטליכע טעג.

ער האט דאך געזאגט צוגעזאגט פאר זיין טאטע אז ער גייט דארט זיין איין טאג. זייענדיג אין א פארלעגענהייט און וועלנדיג זען דעם צאנזער רב האט ער זיך געשטעלט ביים טיר, אפשר וועט אים אונטערקומען א מינוט צו קענען זען דעם צדיק.

אזוי ווארטנדיג האט ער ארויסגעהערט פון צימער קולי קולות ווי דער רבי זאגט עפעס מיט א מורא'דיגע התלהבות.

צולייגנדיג אן אויער האט ער געהערט ווי דער רבי מאכט די ברכה אשר יצר.

די ברכה האט גענומען א גוטע פאר מינוט, כאטש אזוי לאנג ווי א שמונה עשרה.

דער צדיק האט געענדיגט די ברכה און די טיר האט זיך געגעבן אן עפן אויף, דער צדיק קומט ארויס און זאגט:

"שלום עליכם א איד פון דייטשלאנד, עס לוינט זיך צו קומען פון דייטשלאנד צו הערן ווי אזוי מען דארף מאכן אן אשר יצר. געב עס איבער ווייטער און זאג פאר יעדן, אז א איד דארף מכוון זיין ביי די ברכה פון 'אשר יצר' מער ווי מ'דארף מכוון זיין ביי די פיוט פון 'ונתנה תוקף' וואס מען זאגט ראש השנה און יום כיפור - ווייל די פיוט פון 'ונתנה תוקף' איז א מנהג, די ברכה פון 'אשר יצר' איז א חובה".

עס איז ידוע פון צדיקים אז ביי די ברכה קען מען פועל'ן ישועות - זאל די התעוררות און די חיזוק זיין א זכות פאר האברך החשוב ר' יצחק בן באשא לרפו"ש און זאל ער אויך זוכה זיין צו מאכן די ברכה בשמחה ובטוב לבב במהרה.

**(ארויסגענומען פון שיעור 304 אין שער הבטחון.)**

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א סימן אז דו דארפסט עס נישט האבן!

דער הייליגער צדיק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע [דער בעל מחבר פון דער באקאנטער זמר קה אכסוף] איז אמאל געזעסן ביי זיך אין שטוב מחוסר כל, ער האט נישט געהאט וואס אריינצונעמען אין מויל אריין.

שפירנדיג ווי די כוחות לאזן זיך אויס און ער גייט ווערן פאר'חלש'ט האט זיך דער צדיק געשטארקט זאגנדיג אז עס קען נישט זיין אז ער איז יעצט עכטיג הונגעריג.

וואלט ער געווען אמת'דיג הונגעריג וואלט הקב"ה אים געשיקט עסן. עס שטייט דאך אין פסוק - עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם **בעתו** - אז הקב"ה געבט עסן פאר א מענטש אין די צייט ווען ער דארף עס האבן.

אז איך האב נישט קיין עסן איז א סימן אז איך בין נישט הונגעריג.

גאנצע דריי טעג איז אזוי אריבער אויפ'ן צדיק אן עסן. נאך דריי טעג האט הקב"ה מזמין געווען עסן פאר'ן צדיק. ווען די עסן איז אנגעקומען האט זיך דער צדיק געגעבן א רוף אן - יעצט בין איך הונגעריג!

מען ערווארט נישט פון קיין שום איד אין דעם היינטיגן דור אזא מדריגה, אבער דער געדאנק איז אויך שיין היינטיגע צייטן.

אז דו האסט נישט - איז א סימן אז דו דארפסט עס נישט - וואלטסטו ווען געדארפט - וואלטסטו עס געהאט!

דרייט זיך ארום אין גאס און טראכט צו זיך: וואלט איך געהאט אזא גוטער קאפ ווי יענער - וואלט איך זיכער געוואקסן א גדול בתורה.

וואלט איך געווען געהאט די כשרונות פון יענעם וואלט געקענט עפעס וואקסן פון מיר.

וואלט איך געהאט א גרויסע דירה - וואלט איך געהאט ישוב הדעת!

אבער דער אמת איז, אז אויב דו האסט נישט וואס יענער האט איז א סימן אז דו דארפסט עס נישט האבן - אז יענער האט איז א סימן אז ער דארף עס יא האבן.

דער מענטשליכער נאטור איז צו טראכטן אייביג פון וואס מען האט נישט. ווען ער וואלט ווען געהאט וואס יענער האט - וואלט אים געווען גוט, אבער דאס איז א טעות!

די אמת'ע ישוב הדעת האט מען ווען מען גלייבט אז כ'האב וואס איך דארף, און וואס כ'האב נישט - דארף איך נישט האבן.

אין פרשת בהעלותך לערנען מיר וועגן די קברות התאוה.

רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז נישט די אידן האבן געגלוסט צו די פלייש. די גלוסטער צו די פלייש זענען געווען די ערב רב.

דער ראפשיצער רב זי"ע אין זרע קודש שמועסט אויס, אז רש"י געבט דא ארויס א מורא'דיגע נקודה. עס ווערט דא באטאנט אז עס איז נישט דא קיין תאוה ביי א בעל האמונה, ווייל אן אמת'ע בעל האמונה - האט נישט קיין תאוות - עס פעלט נישט גארנישט אויף די וועלט.

אז ער האט די הרגשה אז עפעס פעלט אים, טראכט ער צו זיך אז דאס אז איך האב עס נישט איז א סימן אז איך דארף עס נישט - ווען איך וואלט עס געדארפט - וואלט עס הקב"ה מיר געשיקט.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרייען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## מיין ערשטע רייזע

נאך לאנגע יארן וואס כ'בין עוסק אין די וועלט פון 'ספיקערס' און 'מיקראפאנען', האב איך באשלאסן אז כ'מוז זיך איינהאנדלן א לייטישע מיניוואן, וואו איך וועל קענען רואיגערהייט און באקוועמערהייט אריינלייגן און ארויסנעמען די געצייג, ביי א שמחה, אדער אין א זאל.

נאך אלעם רעדט מען פון טייערע געצייג, און די וועג ווי אזוי איך האב עס ביז היינט באהאנדלט האט ריזיקירט די סחורה.

איך בין נישט רייך, איך האב זיך נישט געקענט ערלויבן צוקויפן א טייערע מיניוואן. איך האב געזוכט עפעס וואס זאל זיין צוגעגליכן פאר מיינע פרייזן, און נאכן זוכן האב איך איר ענדע געטראפן און געשלאסן אויף איר א געשעפט.

זייענדיג געריסן פון די קויפערי, האב איך אין יענע מאמענטן געמאכט א באשלוס ביי מיר אז איך גיי נישט באנייען די קאר אזוי לאנג ווי איך טו נישט מיר א חסד, די ערשטע רייזע גייט זיין א 'חסד' רייזע.

איך האלט אין איין הערן ווי אזוי אידן זאגן אז זיי דארפן אז מען זאל זיי דעליווערן גרעסערע זאכן, און יעצט אז איך האב א גרויסע קאר וועל איך עס נוצן פאר דעם צוועק.

אבער עס איז געגאנגען שווערער ווי כ'מיין. איך בין געווען זיכער אז כ'וועל נאר אפפערן פאר עטליכע חברה און אלע וועלן זיך גלייך ארויסכאפן אויף די מציאה, אבער פונקט יענער טאג האט קיין איינער נישט געדארפט קיין דעליווערי.

א קבלה איז א קבלה, איך האב באשלאסן אז כ'גיי ווארטן.

עס איז אריבער עטליכע טעג, איך האב שוין אנגעהויבן ווערן מיואש, איך האב מתפלל געווען צו הקב"ה ער זאל מיר מזמין זיין א גוטער שליח.

ענדליך איז דער שליח געקומען צו גיין. עס האט זיך גערעדט פון א יונגערמאן וואס האט נישט קיין לחם לאכול און ער האט געדארפט אריבערגיין א דירה, ער האט געהאט אוועקגעלייגט אין די זייט די סומע פון 300 שקל פאר דעליווערי, א נישטיגע סומע קעגן וויפיל עס קאסט באמת.

"איך זעה אז דו האסט א גרויסער קאר, אפשר קענסטו מאכן פאר

## די שמירת שבת פון שעה'ן וואס האט מציל געווען

אין די שול וואו כ'דאווען דאווענט אויך א איד וואס איז ליידער בלינד אויף זיינע אויגן.

דער איד הייסט ר' חיים, ער קומט טאג טעגליך צום דאווענען און מיר - די שול אידן באגלייטן אים.

איין טאג באגלייט איך אים און פלוצלונג צוקלונגט זיך זיין טעלעפאן.

"עס איז נאר א דערמאנונג", געבט ער מיר א זאג.

"פון יעצט און ווייטער דארף איך זיך היטן פון רעדן לשון הרע במשך א שעה צייט".

ער זעט נישט, אבער אויך אן זען האט ער געשפירט די קרומעניש וואס איז ארויף אויף מיין געזיכט הערנדיג די מאדנע קבלה.

"זיכער טראכסטו אז עס איז א נארישע החלטה. לשון הרע טאר מען נישט רעדן קיינמאל".

ער האט גוט מרגיש געווען, איך בין געבליבן שטיל ווארטנדיג אז די ענטפער זאל קומען צוגיין.

"איך טוה עס, ווייל איך בין געווען זיכער אז די שעה וועט ברענגען נאך שעה'ן".

פון זיינע ווערטער האט אויסגעזען אז די קבלה טובה האט א גרונד.

"לאמיר דיר דערציילן פון וואו איך האב עס גענומען", הייבט ער אן.

"געווען ווייסטו אז מיינע עלטערן וואוינען אין די שטאט ראשון לציון. פאר לאנגע יארן האבן מיר געהאט א שכן טיר ביי טיר וואס האט געהייסן ניצן. דער ניצן איז נישט קיין פרומער איד, אבער ער האט א געפיל פאר תורה ומצוות. איין טאג, בערך א יאר צוריק, קלינגט ער מיר אן מיט א געשטיקטער קול און בעט זיך ביי מיר, חיים, העלף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, זאג מיר ווי אזוי מען מאכט עס".

ער האט קוים געקענט רעדן, זיין קול האט זיך געשטיקט פון געוויין.

איך האב גלייך מרגיש געווען אז עפעס ליגט דא דערונטער די מעשה, און יא, ער הייבט אן צו דערציילן א שרעקעדיגע מעשה וואס האט פאסירט מיט אים.

"ווי דו ווייסט בין איך נישט קיין פרומער איד אבער איך האב א געפיל פאר אידישקייט. איין טאג איז מיר איינגעפאלן א מאדנע זאך. איך האב באשלאסן אז כ'האב נישט קיין כח צו היטן שבת אבער איך וויל דאך היטן שבת, איך האב געמאכט א חשבון וועלכע שעה'ן איז די בעסטע שעה'ן צו האלטן שבת. עס איז מיר אויסגעקומען אז פון צוועלעף ביינאכט ביז צענע אינדערפרי".

איך האב זיך פארגענומען מיט א שטארקקייט אז אין די שעה'ן גיי איך היטן שבת. ווען איך האב איבערגעזאגט פאר באקאנטע די החלטה האבן אלע געלאכט, אויך די פרומע אידן.

"עס איז נישט דא אזא זאך, אדער האלט מען די גאנצע שבת, אדער גארנישט".

איך האב איגנארירט אלע טענות און זיך געהאלטן ביי מיינס, איך האלט שבת פון צוועלעף ביינאכט ביז צענע צופרי.

יענע שבת האבן מיר חברים געקליגגען און געבעטן אז איך זאל ארויסקומען מיט זיי, מען האט אפגעשמועסט אז מ'גייט גיין פארברענגען אין א געוויסע פלאץ. מען האט זיך ארויסגעלאזט פרי און מען האט פארברענגט.

ווען עס איז געווארן נאנט צו צוועלעף אזייגער האב איך זיי אונטערגעאיילט אז פון צוועלעף האלט איך שבת, איך וועל נישט קענען פארברענגען מיט זיי".

מען האט זיך צוגעאיילט, מען האט זיך אריינגעזעצט אין א קאר שבת

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

די הערליכע גליונות וואס קומען דא ארויס זענען היינט מיין וועגווייזער אין לעבן, א בחינה פון א 'נר לרגלי'. איך שעפ ארויס פון זיי פולע הויפענעס פון חיזוק און מיין לעבן האט זיך היבש געטוישט אדאנק דעם. מיט עטליכע טעג צוריק האט מיר אנגעכאפט שווערע קאפווי. איך האב געטראכט אז כ'מוז גיין צום דאקטאר פאר אן אונטערזוכונג, אבער אין די זעלבע צייט האב איך געטראכט צו מיר אז איידער כ'גיי לאמיר זיך פירן ווי עס פירט זיך א איד מיט בטחון אין אזא מינוט. איך האב זיך געשטארקט אין אמונה, אין בטחון, און ברוך ה' אז די קאפווי איז גלייך אוועקגעגאנגען.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

א שטיק צייט צוריק בין איך אריבער א שווערע עקסידענט. די עקסידענט האט אריינגעצויגן אין ריזיגע הוצאות. איך האב געפאדערט פארגיטונג געלטער, אבער עס האט זיך פארשלעפט א לאנגע צייט, און ביני לביני בין איך געבליבן שטעקן מיט געלט. איך בין געווען ממש דערשטיקט. אלץ א סגולה ארויסצוגיין פון די שוועריגקייט האב איך צוגעזאגט א גרויסע סומע געלט פאר די הפצה פון אמונה ובטחון. ממש גלייך נאך דעם האב איך דערהאלטן א ידיעה אז די פארגיטונגס געלטער איז באשטעטיגט און אז עס איז שוין אויפ'ן וועג צו מיר. איך האב געזען בחוש ווי אזוי א תרומה פאר הפצה פון די אמונה האט געברענגט די ישועה.

ביינאכט רח"ל, אבער ביני לביני איז געווארן צוועלעווע.

א מינוט פאר צוועלף אזייגער זאג איך פאר מיינע חברה, לאזט מיר ארויס פון די קאר, איך פאר נישט שבת!

זיי האבן מיר אנגעקוקט משוגע, ווי פון קאפ געפאלן, מען איז ווייט פון שטוב, וואו וועסטו נעכטיגן, אבער איך האב אלעם איגנארירט, איך בין ארויס פון די קאר און פארמאכט מיין טעלעפאן.

א גאנצע נאכט בין איך געווען דארט. אנדערע האבן מיר געאפפערט אז זיי וועלן מיר אהיימנעמען אבער איך האב זיי איגנארירט.

צופרי, ווען עס איז געווארן צענע צופרי, האב איך אנגעצינדן די טעלעפאן און באשטעלט א טעקסי אהיים.

איך קום אהיים און כ'זע ווי מיין פרוי און די קינדער זענען שאקירט און גערירט אין די זעלבע צייט.

"ניצן דו לעבסט?"

וואס איז געשען? דא האב איך געהערט די צווייטע טייל פאזעל. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז פינף מינוט נאך דעם וואס איך בין ארויס פון זייער קאר האבן זיי געמאכט א שווערע עקסידענט און קיין איינער האט עס נישט איבערגעלעבט.

די משפחה איז געווען זיכער אז איך האב עס נישט געמאכט.

"איך זע אז אין הימל האט מיין שמירת שבת א חשיבות", האט ניצן אויסגעפירט און געבעטן פון חיים אז ער זאל אים אויסלערנען ווי אזוי מען ווערט א פולשטענדיגע בעל תשובה.

"אויך ביי לשון הרע האט עס א חשיבות - ווייל יעדער זאך וואס א איד טוט האט א חשיבות ביים טאטן אין הימל".

## אין זכות פון די צדקה

עס האט זיך געמאכט אז איך האב אמאל באשטעלט א מילכיגע מאלצייט פאר מיר און מיין חבר.

אזוי זיצנדיג קומט א יונגערמאן צו מיר און פרעגט מיר צי ער קען מיר בעטן, אז אזוי ווי ער האט צוגעזאגט פאר זיינע קינדער א געשמאקע מאלצייט און ער האט באשטעלט פאר זיי.

אבער אין די ערשטע מינוט האט ער נישט געטראכט אז עס וועט קאסטן אזויפיל, און יעצט פעלט אים געלט פאר צווי" פארציעס.

דער איד האט נישט אויסגעפירט. עס איז געווען קענטליך אז ער איז באמת געבליבן שטעקן אויפ'ן מינוט. ער האט זיך געשעמט צו בעטן, אבער איך האב פארשטאנען וואו אהין ער צילט, אז ער וויל איך זאל אים צאלן די מאלצייט.

איך בין נישט קיין פארמעגליכער איד, אבער אז א איד בעט האב איך נישט געהאט די הארץ אפצוזאגן, איך האב אים אויסגעצאלט די פארציעס.

איך האב כמעט פארגעסן פון דעם, אבער ארויסגייענדיג פון דעם רעסטאראנט האב איך זיך אויסגעגליטשט און איך האב געכאפט א שטארקער זעץ.

איך בין שוין נישט אזוי יונג, און אזא קלאפ וואלט זיך געקענט ענדיגן פאטאל, אבער עס האט זיך געענדיגט בלויז מיט אביסל ווייטאג, א מינוט דערויף האב איך זיך געשטעלט אויף די פוס, איך בין געגאנגען ווייטער, ווי גארנישט וואלט נישט געווען.

איך האב געשפירט אז די זכות פון אויסצאלן פאר יענעם די מאלצייט האט מגין געווען אויף מיר און מיר מציל געווען.

אז מען טוט פאר יענעם - טוט מען בעצם פאר זיך!

מיר א דעליוווערי". האט ער געבעטן.

דער איד האט געאפפערט 300 שקל אונטערשטרייכנדיג אז דאס האט ער - מער האט ער נישט. איך האב אים גארנישט געזאגט וועגן די געלט, איך האב אנגענומען די ארבעט און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

איך בין נישט יונג, איך האב אים געזאגט אז איך קען אים געבן די טראק אבער איך קען נישט שלעפן, עס איז נישט פאר מיינע כוחות, ער האט געברענגט חברה און מען האט זיך גענומען צו די ארבעט.

עטליכע שעה האט מען געארבעט אויף איר, מען האט אויפגעלאדענט און אראפגעלאדענט, איך האב אים געמאכט עטליכע פיקאפ דזשאבס און איך האב זיך געגרייט צו ענדיגן די ארבעט.

ביים ענדע נעמט ער ארויס 300 שקל און ער גיבט עס מיר. דא, נאכ'ן ענדיגן די ארבעט, ווען ער האט געשפירט אז ער צאלט מיר, האב איך געזאגט אז כ'וויל נישט דאס געלט, אז איך האב עס געטון ווייל איך וויל אז דער 'תתחדש' פון מיין קאר זאל זיין מיט חסד.

ער האט זיך גע'עקשנ'ט אז ער וויל באצאלן.

"אויב דו ווילסט מיר באצאלן - נעם מיר צו דיין כולל און לאמיר זאגן עפעס פאר די כולל יונגעלייט". האב איך אים געזאגט.

ער האט אזוי געטון, ער האט מיר גענומען צו זיין כולל און איך האב זיי דערציילט אז לאנגע יארן בין איך געווען פארזינקען אין שווערע חובות, עס האט געהויערט אויף מיר שווערע ריבית, איך האב נישט געטראפן א וועג ארויס פון איר.

אין יענע יארן האב איך באגעגענט א ספר און דארט איז געשטאנען איבער די חשיבות פון ברכת המזון בכוונה.

עס איז מיר אריין אין דיביינער, איך האב זיך געשטארקט אין דעם און ברוך ה' פון דאן אן האט זיך מיין רעדל געדרייעדט אויף ארויף, איך האב אנגעהויבן פארדינען ריזיגע געלטער, איך האב געדעקט מיינע חובות, די ריבית, און איך בין געווארן א שיינער פארדינער.

איך האב אויסגעפירט פאר די חברה אז איך וויל אז זיי זאלן זיך מחזק זיין און אנהייבן מאכן ברכת המזון בכוונה, און זיי וועלן זען ישועות און האבן פרנסה בשפע.

איך מיין אז אויסער דער ענין פון ברכת המזון איז וויכטיג אז מען זאל געדענקען איין זאך, אז נישט די ארבעט ברענגט די שפע, מען קען ארבעטן פון צופרי ביז ביינאכט און בלייבן א בעל חוב, מען דארף סייעתא דשמיא און טון חסד און בענטשן ערליך, ווייל דאס ברענגט די שפע פאר א איד.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז

אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

| **העברה לבנק לאומי** | **משלוח בדואר** | **בעמדות נדרים פלוס** |
|---|---|---|
| סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב

השגחה פרטית בספרים הקדושים

## ביי אונז שיינט די שם הוי"ה און אויך ווען עס געשעט א נס - רעכענט מען נישט אראפ קיין זכותים

אמרו רבותינו ז"ל: "אם עושין לאדם נס, מנכין לו מזכויותיו". ובוודאי לפי גודל הנס כן יהיה ניכוי הזכויות יותר.
גם ידוע ששם הוי"ה ב"ה פועל למעלה מן הטבע, ומצידו אין הפרש בין דבר טבעי לדבר שאינו טבעי. וכמו שכתב הרב 'בינה לעיתים' על פסוק "מאת ה' היתה זאת", כלומר: דבר הווה ורגיל, אף על פי שהוא הפך הטבע, ורק "היא נפלאת בעינינו" אנחנו התחתונים. אבל שם 'אלקים' הוא פועל בטבע דווקא, לכן 'אלקים' עולה מספר 'הטבע' וכנזכר בספרי המפרשים ז"ל.
ולכן בתו של רבי חנינא בן דוסא הייתה עצבה, כי היא ראתה שכבר נעשה הנס שהדליק החומץ, ונעצבה, כי אמרה: "מי יודע כמה זכויות ינכו לי בעבור נס פלאי כזה?" ואמר לו אביה: "מאי אכפת ליך? דאצלנו לא יש ניכוי זכות. כי הנהגתנו היא על ידי שם הוי"ה ב"ה, ששם אין הפרש בין טבע ללא טבע. כי לגבי דידן, מי שאמר לשמן וידליק יאמר לחומץ וידליק, שהדלקת החומץ לגבי דידן חשיבה כמו הדלקת השמן, מאחר דהשפעתנו והנהגתנו היא באותיות שם הוי"ה דווקא, ולא בשם 'אלקים'. ואם כן, מאי אכפת ליך ממעשה ניסים? הכל שווה".

(בן יהוידע)

### די נס מיט די עסיג

די גמרא דערציילט אז דער תנא רבי חנינא בן דוסא **חד בי שמשי** האט אמאל אין אן ערב שבת **חזייה לברתיה דהוות עציבא** געזען ווי זיין טאכטער ווי זי איז צוגעלייגט און טרויעריג. **אמר לה** האט איר רבי חנינא געזאגט: **בתי! למאי עציבת?** מיין טאכטער, פארוואס ביסטו טרויעריג? **אמרה ליה: כלי של חומץ נתחלף לי בכלי של שמן** האט זי אים געזאגט אז איר כלי פון שמן האט זיך פארמישט מיט די כלי פון עסיג, **והדלקתי ממנו** און אנשטאט צו צינדן מיט אויל האב איך געצינדן **אור לשבת** די ליכט פון שבת מיט עסיג. **אמר לה בתי** האט רבי חנינא געזאגט צו איר, מיין טאכטער, **מאי איכפת לך?** וואס גייט עס דיר אן? **מי שאמר לשמן וידלוק** דער וואס האט געזאגט פאר די אויל אז זי זאל ברענען, **הוא יאמר לחומץ וידלוק** ער וועט זאגן פאר די עסיג אז זי זאל ברענען. **תנא היה דולק והולך כל היום כולו** האבן מיר געלערנט אז די ליכט האט געברענט אגאנצן טאג **עד שהביאו ממנו אור** ביז ווען מען האט געברענגט פון איר ליכט **להבדלה** פאר הבדלה מוצאי שבת.

(מסכת תענית דף כה, א)

## אז מען האט די ריכטיגע אמונה - געשען ניסים אויך העכער די דרך הטבע

ובאמת הוא עניין גדול וסגולה נפלאה להסיר ולבטל מעליו כל דינין ורצונות אחרים, שלא יוכלו לשלוט בו ולא יעשו שום רושם כלל. כשהאדם קובע בליבו לאמור: **"הלוא ה' הוא האלוקים האמיתי ואין עוד מלבדו יתברך שום כוח בעולם וכל העולמות כלל, והכל מלא רק אחדותו הפשוט יתברך שמו"**. ומבטל בליבו ביטול גמור ואינו משגיח כלל על שום כוח ורצון בעולם, ומשעבד ומדבק טוהר מחשבתו רק לאדון יחיד ברוך הוא - כן יספיק הוא יתברך בידו, שממילא יתבטלו מעליו כל הכוחות והרצונות שבעולם, שלא יוכלו לפעול לו שום דבר כלל.

וגם יגזור אומר ויקם לו, לפעול עניינים וניסים נפלאים היפוך סידור כוחות הטבעיים, כיוון שמשעבד ומדבק טוהר אמונת לבבו באמת בל תימוט רק לו יתברך לבד, ואצלו יתברך הכל שוה, כל רגע, לפעול בסידור הטבע שקבע או היפוך סידור הטבע. כמו שמצינו ברבי חנינא בן דוסא, שהיה גוזר אומר, ופועל כפי רצונו כל עת, היפוך סידור הטבע, כאומרו: "מי שאמר לשמן וידליק יאמר לחומץ וידליק", רוצה לומר, הלוא אצלו יתברך שווה זה כמו זה, כנ"ל, וכן הספיק הבורא ברוך הוא בידו. וכהנה רבות איתו, כמובא בש"ס מנפלאות ענייניו.

(נפש החיים שער ג' פי"ב)

## ביים בעשטה"ק האט געברענט א פייער פון קאלטע אייז

אהבה, נטיות הנפש וכלותו לאור אין סוף, עד שנעשה כיסא השכינה. ובכל נשימה ונשימה ממשיך אור ערב ומתוק, אור אלוק, ובזה מייחד כל העולמות, ולפי רוב דבקותו למעלה בעקירות כל המחשבות הגשמיות, כך השראת השכינה עליו, ויכול לבטל כל גזירות שלמעלה, ויכול לראות מסוף העולם ועד סופו ולשמוע כרוזים של מעלה. וזה היה מדרגות מרן אלוקי, אור ישראל, הבעש"ט בתכלית. ועל ידי זה ראה מסוף העולם ועד סופו, ושמע כרוזים של מעלה, ועשה אותות ומופתים לעיני כל ישראל, ושינה כל הטבעים, כמו רחב"ד, והכל בדיבור פיו.
סיפר צדיק אחד, תלמיד מרן הבעש"ט, למו"ח מוהר"ר אברהם מרדכי הצדיק מפינטשב, שהלך עם מרן למקווה בימי החורף בעת קור גדול, אשר מן הגגות נמשך הגליד הנקרא סאנפיל, והמקווה נתחמם תיכף על ידי ייחודים ועניין. זה היה יכולין כל בית מרן הבעש"ט לחמם המקווה בחום גדול, ועמד במקווה איזה שעות עד שהתחיל הנר לטפטף ולכבות, ואמר לו: "דארנע [שוטה], קח סאנפיל [קרח] מן הגג והדלק, מי שאמר לשמן וידליק יאמר לזה וידליק". וסיפר שהיה דולק והולך עד שהלך עמו לביתו אחר שעה ושתיים, וכשבא לביתו נשאר מעט מים בידו. וכן עשה כמה דברים נפלאים, לא נראה ולא נשמע מימות התנאים רשב"י ורחב"ד וחבריהם. וכל זה על ידי דבקותו בכל רגע באלוקיו.

(נוצר חסד פ"ו)

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

### די תפילה דארף זיין מתוך בטחון - ווי א קינד בעט זיין טאטע!

מיר ווייסן אז די שליסל צו פרנסה איז תפילה. מען דארף האלטן אין איין בעטן, נאך און נאך בעטן, אזוי ארום וועלן מיר קענען ממשיך זיין אויף אונז די שפע פון פרנסה.
נישט אומזיסט שטייט אין שלחן ערוך אז א איד זאל יעדן טאג זאגן פרשת המן.
אנדערש ווי מיר מיינען איז די 'תפילה' נישט נאר א בקשה אז מיר זאלן געהאלפן ווערן מיט פרנסה. אויך אויב עס איז שוין נגזר געווארן אויף אונז א פרנסה טובה פעלט זיך נאך אויס אז מיר זאלן ממשיך זיין די שפע הפרנסה און אויך דאס ווערט געטון דורך תפילה, ווי דער מאור עינים זאגט [אין פרשת ואתחנן] אז ווייל די שפע הפרנסה וואס איז אנגעשריבן פאר אונז ווערט נשתלשל פון די הויכע עולמות און עס קען בלייבן שטעקן אונטערוועגנס דורך די מקטריגים, דארף מען דאווענען און די דאווענען איז ממשיך די שפע צו די וועלט.
אבער מען דארף אויך וויסן ווי אזוי צו בעטן.
אין פרשת בהעלותך לערנען מיר איבער די מתאוננים. דער פסוק איז מדגיש אז דער עונש איז געקומען ווייל זיי האבן געוויינט און ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק "כי בכיתם באזני ה' מי יאכילנו בשר".
דער אור החיים הק' אויפ'ן ארט פרעגט וואס איז שלעכט מיט די בכי, מיט די וויינערייי.
נאר, ער געבט צו פארשטיין אז עס איז דא 'בעטן' און עס איז דא 'בעטן'.
מען קען בעטן ווי א קינד בעט ביי זיין טאטע אדער קען מען 'וויינען', און וויינען איז נישט בעטן. אז מען וויינט ווייזט עס אז מען גלייבט נישט אז מען גייט עס באקומען, און 'תפילה' דארף זיין מתוך אמונה.
דער אוהחה"ק לערנט אונז אויס ווי אזוי מ'דארף בעטן, ווייל אז מ'ווייסט ווי אזוי צו בעטן - באקומט מען וואס מען דארף.
זאל הקב"ה אונז עפענען די שערי הפרנסה.




קלינג ארײן
שפּיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די**
**גליקליכע - מאך**
**דעם טעלעפאן**
**קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באטעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633